**גוט שבת אלע אידן.** לעצטע וואך האט מען אנגעהויבן צו דערציילן דעם מוראדיגן מעשה וועגן א אידישע טאכטער וואס איז געראטעוועט געווארן פון דער מלחמה, אבער נאכדעם איז זי נעבאך איסימילירט געווארן אין ענגלאנד. און זי האט איבערגעלאזט איין קינד, א איד מיט א גויאישע נאמען "טשיזבארט." וועט טשיזבארט זיין די לעצטע רינג אין דעם גאלדענע קייט וואס גייט צוריק טויזענטע יארן צום בארג סיני? אדער וועט ער תשובה טון? איז לאמיר יעצט ענדיגן דעם מעשה.

טשיזבארט האט געהאט א חבר וואס איז געגאנגען ארבעטן אין ארץ ישראל אויף א "קיבוץ." טשיזבארט איז געקומען באזוכן זיין חבר, און ער האט הנאה געהאט צו זיין אין ארץ ישראל. ער איז געבליבן אין ארץ ישראל נאך זיין וואקאציע. איין טאג האט ער געטראכט אז עס וועט זיין גוט פאר אים צו לערנען אין א "אולפן," א סקול וואו מען לערנט דעם העברעאישען שפראך.

באלד האט טשיזבארט שוין געדארפט זוכן א דזשאב. ער איז דאך געווען א קינסטלער, וועגן דעם האט ער זיך געמאלדען צום "איזריעל מוזעאום." ער האט געטראכט אז אפשר וועלן זיי דארפן א קינסטלער צו מתקן זיין זייערע קונסט וואס האט באשיינט זייערע גרויסע בנינים. צום סוף, האבן זיי אים נישט געדארפט, אבער זיי האבן אים געזאגט אז טאמער זיי גייען הערן וועגן אן עפענונג פאר אים ערגעץ, וועלן זיי אים העלפן.

א שטיק צייט שפעטער האט טשיזבארט באקומען א טעלעפאן קאל פון דעם לאמזשע ישיבה אין פתח תקוה. זיי האבן געהאט שיינע מאלריי אויף די ווענט אין דער ישיבה בנין (אזוי וואו אויף די ווענט אין דעם פלוש ביי אונז), אבער נאך אזוי סאך יארן האט עס אנגעהויבן צו קאלאכען. די ישיבה האט באקומען טשיזבארט'ס נאמבער טאקע פון להבדיל דעם מוזעאום. בקיצור, האט די ישיבה גענומען טשיזבארט, און גלייך דערנאך האט ער אנגעהויבן צו ארבעטן אין די ישיבה בית המדרש.

כדי צו דערגרייכן די הויכע ווענט אין ישיבה, האט טשיזבארט געדארפט ארויפגיין אויף א הויכען לייטער און זיצען דארט דעם גאנצען טאג מאלן איין קליין שטיקל וואנט אויף אמאל. פאר א גאנצע יאר האט ער געארבעט אין די ישיבה. יעדען טאג האט ער געזען און געהערט ווי די בחורים דאווענען שחרית מנחה און מעריב, און צווישען די תפילות זענען זיי געזיצען אין פראנט פון גרויסע ספרים לערנענדיג איינער מיטן אנדערען. דאס ערנסטקייט פון די בחורים האט געמאכט א רושם אויף טשיזבארט.

טשיזבארט האט זיך גע'חבר'עט מיט איינעם פון די אנדערע ארבעטערס דארט וואס האט געארבעט אויף די פענסטערס. יענער ארבעטער איז געווען א פרומער איד. יענער איד האט גענומען רעדען מיט טשיזבארט און ער איז איבערראשט געווארן צו הערן אז טשיזבארט איז א איד! יענער האט געפרעגט טשיזבארט אויב "טשיזבארט" איז די נאמען וואס ער האט באקומען ביי זיין ברית. דאן האט טשיזבארט געזאגט אז ער ווייסט אפילו נישט וואס א ברית איז! יענער איד האט צוגערעדט טשיזבארט אז ער זאל האבן א ברית.

ביי זיין ברית האט טשיזבארט גענומען א נייע נאמען "חי." דערנאך איז ער געגאנגען צו אן "ערכים סעמינאר." מיט דעם סעמינאר איז ער געווארן אסאך מער אינטערעסירט אין אידישקייט. ער האט געטוישט זיין לעצטע נאמען צו "קשת." חי, אזוי ווי ער האט שוין געהייסן, איז געגאנגען צו שיעורים געגעבן געווארן דורך "ערכים." חי איז ב"ה געווארן אן עכטער בעל תשובה.

באלד דערנאך האט מען משדך געווען חי מיט א ארץ ישראלדיגער בעלת תשובה. יענע בעלת תשובה אליינס האט אן אינטערסאנטע מעשה, וואס מען וועט באלד דערציילן...

עס שטייט אין די פרשה די וואך אז דאס אידישע פאלק איז דער "עם הנבחר" ווייל "עם קדוש אתה..." – ווייל איר זענט א היילגען פאלק. איינע פון די טייטשען פן "קדוש" איז אפגעטיילט. ווי מער מען טיילט זיך אפ פון די גוים דורך טון מצוות אנע מאכן קיין חשבונות וואס די גוים וועלן טראכטן, און דורך גיין מיט אן אנדערע מין לבוש, און רעדען אן אנדערע שפראך וכו', וועט מען אלע זוכה זיין צו ווערן באקרוינט מיט דעם טיטל אלס דער אייבערשטער'ס "עם סגולה."

יעצט לאמיר דערציילן אין קורצען דעם מעשה פון דער בעלת תשובה. יענע מיידל האט געהאט א ברודער וואס איז געווען א סאלדאט. דער ברידער (וואס וועט שפעטער ווערן חי'ס שוואגער) האט געדינט אויף א "שמירה" אסאך מאל ביים קבר רחל. דארט ביי די אוהל, האט דער סאלדאט אנגעקוקט צו זען ווי אסאך אידן זענען געקומען מיט מסירת נפש כסדר יעדען טאג צו דאווענען און לערנען אין דער אוהל. דער איבערגעגעבענקייט פון די מתפללים אין דעם אוהל האט געמאכט א שטארקען רושם אויף דעם סאלדאט. מער ווי דעם איידעלקייט, איז דער אופן ווי אזוי די פרומע אידן האבן אויפגענומען און מקרב געווען דעם פרייען סאלדאט, האט געהאט די גרעסטע השפעה אויף אים. צוביסלעך איז ער געווארן א בעל תשובה. שפעטער האט ער גערעדט מיט זיין שוועסטער און ער האט איר מקרב געווען אויך. זי איז געגאנגען צו אן ערכים סעמינאר (אזוי ווי חי איז געגאנגען), און דערנאך האבן זיי חתונה געהאט ב"ה!

היינט וואוינט חי מיט זיין בני בית און קינדער אין ארץ ישראל. מיט גרויס התרגשות אין זיין הארץ און שאקלדיגע הענט, האלט ער אן אלטע סידור פון זיין מאמע. ווען זי איז אוועק, האט מען געטראפן דעם סידור אינטער איר קושען. די סידור האט געהאט געלע זייטן און איז געווען אנגעוויקט מיט טרערן. אוי! די טרערן פון א אידישע מאמע, אפילו א פארלוירענע! יעצט פרייט זיך לכאורה איר נשמה צו זעהן אז אירע זון און אייניקלעך דאווענען פון אזא סידור דריי מאל א טאג, און מיט דעם מאכן זיי ווייטער נאך א רינג אין דעם גאלדענע קייט פון דעם "עם הקדוש להשם."

יעצט אז מען שטייט געציילטע טעג פאר דעם גרויסן מעמד, די מסיבה לרגל די התייסדות פון דעם נייען קרן "אלפי מנשה" מוז מען נעמען דעם געלעגענהייט דא צו דערמאנען דעם עולם צו משתתף זיין מיט א נתינה פון כאטש $180 לע"נ דעם איש חסיד הרב מנשה יחזקאל גאלדקלאנג ז"ל. ביים די מסיבה, וואס קומט פאר דינסטאג נאכט פרשת שופטים אין די בית המדרש פון דער ישיבה קטנה, וועט מען מאכן א סיום הש"ס לע"נ מנשה יחזקאל. יעדער איינער קען טאקע נעמען א טייל אין דעם גרויסע מצוה פון זיכוי הרבים. און באמת, זאגט דער חפץ חיים ז"ל אז יעדער איינער וואס איז מנדב צו א גמ"ח, באקומט ער די שכר פון אלע געלט וואס די גמ"ח וועט בארגען צו אלעמאן. איז לאמיר אלע נתעורר ווערן צו וועלן משתתף זיין לויט אונזער מעגליכקייט אין דעם התייסדות פונעם חשוב'ן גמ"ח לע"נ מנשה יחזקאל. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר אברהם דוב מאיר בייער שליט"א לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו ניסן הי"ו

מזל טוב למוה"ר שרגא פייבוש אלימלך גאלד הי"ו, חתנו של מוה"ר יוסף פרץ ביללער הי"ו, לרגל שמחת לידת בתו

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**